# אַרום דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן

פון י. באַשעוויס

1

דאָס יידישע שטעטל אין פוילן האָט נישט דורכגעמאַכט די השכלה־עפּאָכע אין דער זעלביקער צייט און אין דער עוואָלוציאָנערער פאָרם, ווי דאָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד און אין דער ליטע. ביז 1914 זיינען די מערסטע יידישע שטעטלעך אין פוילן געווען פרום. מ'האָט דאָרט געלעבט ווי מיט הונדערט יאָר צוריק. ס'זיינען געווען אין די גרעסערע שטעט און אפילו אין די קלענערע — איינצלנע משכילים, און אויך קליינע גרופּעס סאָציאַליסטן, אָבער דאָס יידישע לעבן אין אַלגעמיין איז געבליבן ווי געווען. די השכלה, ווי אַ מאַסן־באַוועגונג, איז דאָ געקומען צוזאַמען מיטן וועלט־קריג און האָט צוליב איר פאַרשפּעטיקטקייט און אימפּעט שיר ניט אָנגענומען די פאָרמען פון אַן עפּידעמיע. די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, דאָס אַריינקומען פון די דייטשן און עסטרייכער, די אַנטשטייאונג פון דער פּוילישער מלוכה, די באַלפור־דעקלאַראַציע, — אַלץ צוזאַמען האָט געווירקט מיט איין מאָל. פּראָצעסן, וואָס האָבן ערגעץ אַנדערש געדויערט צענדליקער יאָרן, זיינען דאָ צושטאַנד געקומען ממש איבערנאַכט. בחורימלעך, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט אויסגעטאָן די געהאַקטע קאַפּאָטעס און די קליינע היטעלעך, און וואָס האָבן נאָך איבערן קאָפּ געשטעקט אין דער ירושה פון דורות, — האָבן מיט איין מאָל באַשלאָסן, אַז וואַרטן אויף משיחן איז קיין פּלאַן נישט; אַז די קרעמלעך, אין וועלכע זייערע טאַטעס שטייען, זיינען אַ צרהדיקער און אומזיכערער קוואַל פון פּרנסה; אַז ס'איז אומאָנגענעם, ווען שקצים וואַרפן שטיינער און שרייען נאָך „ייד״; אַז מ'לעבט אין די קליינע שטעטלעך אין שמוץ, אין אומוויסנהייט, און אַז עפּעס מוז גלייך געטאָן ווערן זיך אַרויסצוראַטעווען פון דעם געמויזעכץ. בילדונג אָדער זעלבסטבילדונג האָט נישט געקאָנט ווערן דער איינציקער ענטפער אויף די אַלע פּראָבלעמען, ווי אין די ערשטע צייטן פון דער השכלה, ווען בלויז איינער אין אַ שטאָט און צוויי אין אַ משפּחה זיינען געכאַפּט געוואָרן אין דער נעץ. דאָ אין פּוילן זיינען גאַנצע בתי־מדרשים לידיק געוואָרן איבערנאַכט. די ציוניסטישע, סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע באַוועגונגען האָבן אַריינגעכאַפּט ס'רוב יוגנט. אָרגאַניזאַציעס, קלובן, ביבליאָטעקן זיינען אויפגעקומען ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. דאָס יידישע פּוילן האָט איבערגעלעבט אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה אַ גייסטיקע רעוואָלוציע.

די גייסטיקע רעוואָלוציע האָט געבראַכט מיט זיך אַ גייסטיקן הונגער. די מערסטע יידישע יונגעלייט האָבן נישט געקאָנט נישט גענוג העברעאיש און נישט גענוג פּויליש, און ס'איז געווען נאַטירלעך, אַז מ'זאָל זיך אַ נעם טאָן צום יידישן בוך. דער ליטעראַרישער מאַרק איז אָבער נישט געווען צוגעגרייט צו אַזאַ נאָכפראַגע. די ווערק פון די קלאַסיקער האָט מען גיך איבערגעלייענט. די עטלעכע איבערזעצונגען האָבן נישט געשטילט דעם אַפּעטיט. דער אמת איז געווען, אַז דער הונגער איז מער געווען נאָך וויסנשאַפט ווי נאָך שיינער ליטעראַטור, אָבער אין דער הינזיכט איז די יידישע ליטעראַטור געווען אָמאָרעמסטן. די יידישע יוגנט אין פּוילן איז געבליבן שטיין פאַר אַ ביטערן אמת: מ'האָט דאָס אַלטע פאַרלוירן, אָבער קיין נייעס איז נישט צוגעקומען. אַלנפאַלס, נישט קיין אייגנס.

אין איר נאַאיוויטעט און הילפלאָזיקייט האָט די יוגנט געזוכט אין דעם שרייבער אויך פירערשאַפט. דאָס איז ער דאָך געווען טיילווייז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אפּיקורסות, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אין די יידישע שטעטלעך. אָבער ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל פירן. פּרץ איז געשטאָרבן בעתן קריג. אַש איז געווען ערגעץ אין אַמעריקע. ער איז אויך נישט געווען דער יעניקער, וואָס האָט געוואָלט און געקאָנט זיין אַ פירער. נאָמבערג איז נאָך לאַנגן אַריינטראַכטן געקומען צום אַלטן אויספיר, אַז הכל הבל. פרישמאַן איז בכלל געווען אַ קעגנער פון קהלן זיך. ווייסנבערג איז צוליב עפּעס אַ סיבה, אָדער אַ סך סיבות, שוין געווען ברוגז מיט אַלעמען און מיט זיך אַליין. הלל צייטלין האָט גערופן צוריק אין בית־מדרש אַריין, אָבער די פּויליש־יידישע יונגעלייט האָבן נאָך נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם מין ראָמאַנטיזם. זיי האָבן געזוכט אַ וועג נישט ווי זיך אומצוקערן אין בית־מדרש, נאָר ווי צו אַנטלויפן דערפון...

אַ צייט איז די יידישע פּראָווינץ אויפגערודערט געוואָרן פון דעם סאָרט שרייבן, וואָס מ'האָט דעמאָלט פאַלש אָנגערופן — פוטוריזם. די ווערק פון פּרץ מאַרקיש, משה בראָדערזאָן, מלך ראַוויטש, אורי צבי גרינבערג, אַלטער קאַציזנע, האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. די לאָזונג, אַז די אַלטע וועלט צעפאַלט זיך אין חורבות צוזאַמען מיט די אַלטע קולטורן, איז געווען אַ טרייסט פאַר דעם אייגענעם חורבן. די ליטעראַרישע מליצה צונויפגעמישט מיט דער אולטראַ־ראַדיקאַלער מליצה האָט געווירקט אויף דער פאַנטאַזיע פון די אומרואיקע יונגעלייט און מיידלעך. די יעניקע שרייבער, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט פאַרשיכורן פון אָט דעם פּסיידאָ־שטורעם־און־דראַנג, האָט מען באַצייכנט ווי רעאַקציאָנערן. די אינפלאַציע פון ווערטער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט דער אינפלאַציע פון געלט. ס'איז אָנגענעם געווען פאַר די בחורים פון גריצע און טאָמאַשאָוו צו וויסן, אַז די אייראָפּעאישע קלאַסיקער זיינען אַ באַנדע אויסגעדראָשענע פּלאַפּלער, און אַז די רעוואָלוציע וועט מיט אירע גיגאַנטישע שטיוול אַלץ צעטרייבן, צעמאָלן און ברענגען מיט זיך עפּעס אַ וואונדער, וואָס קיינער האָט נישט געאַנט... ווי טרויעריק די לאַגע איז נישט געווען, האָט זי דאָך צוגעגעבן דער יידישער ליטעראַטור אַ געוויסע וויכטיקייט. ס'האָט געהייסן, אַז דאָס פאָלק וואַרט אויפן גרויסן ווערק, אויפן וואָגיקן וואָרט. אין די דיסקוסיעס וועגן ליטעראַטור האָבן אפילו אָנטייל גענומען די טאַטעס און די מאַמעס. ווען אַ יידענע האָט געוואָלט זאָגן, אַז איר זון איז אַ שטיקל צעדרייטער, האָט זי געזאָגט, אַז ער איז אַ פוטוריסט... הונדערטער און אפשר טויזנטער יידיש־ריידנדיקע יונגעלייט האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער פּען. פון די אומציילעקע מאַנוסקריפּטן, וואָס רעדאַקטאָרן האָבן געוואָרפן אין קאָרב, האָט אַרויסגעשריען אַ גייסטיקע ענערגיע, וואָס איז אַרויס פון די ברעגן און נישט געקאָנט געפינען קיין תיקון.

קיין גאָר גרויסע רעוואָלוציע האָט אָט די ליטעראַרישע שבתי־צבי־באַוועגונג נישט געבראַכט מיט זיך. די איבער־

Futurism = literary Sabbateanism
Grójec

ציטלין אַרויסגעשטעלט אַ מלאך, דער שר הפנים. די דאָזיקע פּאָעמע איז געווען אין דער פאָרם היפּער־מאָדערן, פול מיט געוואַגטע עקספּערימענטן, אָבער איר טענדענץ איז געווען אַן אַלט־יידישע: אַז קאַמפּן און ראַנגלענישן קומען פאָר נישט בלויז אונטן, צווישן מענטשן, נאָר אויך אויבן, צווישן די שרים, וואָס זיינען ממונה איבער דער וועלט, און אַז אויב דער מענטשלעכער גייסט בלייבט זינדיק און פינצטער, העלפט ער די כוחות פון שלעכטס און האַלט־אויף די גאולה. די טיף־רעליגיעזע טענדענץ איז געבליבן אין זיין בוך לידער „שאָטנס אויפן שניי" און אין זיינע דראַמען: „אסתר און קאַזימיר", „ברענער", „יעקב פראַנק" און אַנדערע. משה קולבאַק, וואָס האָט טראַגיש געענדיקט צוליב זיין פּרואוו איינצושפּאַנען זיין מוזע אין דער רעוואָלוציע, האָט דאַן געשריבן „משיח בן אפרים", „מאָנטאָג" און אַנדערע ווערק, וואָס האָבן זיך געשטיצט אויף אַלט־יידישע גלויבונגען און לעגענדעס. ס'איז גענוג דורכצוקוקן די ליסטע מיט נעמען פון די יידישע שריפטשטעלער אין פוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות איינצוזעען, אַז די גרעסטע מערהייט איז נישט באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער פוטוריסטישער „רעוואָלוציע". ה. ד. נאָמבערגס לעצטע דערציילונג איז געווען וועגן אַ רביאיש איניקל. י. מ. וויסנבערג האָט געשטעמפּלט די פוטוריסטן און ראַדיקאַלן פאַר . . . ליטוואַקעס. ער האָט געשאַפן אַ נייע לאָזונג: אומצוקערן זיך צום פאָלקסטימלעכן. ה. ל. זשיטניצקיס בעסט ווערק איז געבליבן „דעם זיידנס הייזל", וואו עס ווערט געשילדערט אַלטער שטייגער. שלמה גילבערט האָט זיך אָפּגעגעבן מיט קבלה מעשית, אָדער ספּיריטיזם. יעקב פרעגער האָט אַרויסגעגעבן די היסטאָרישע דראַמען „דער נסיון" און „שלמה המלך". בער האָראָוויץ האָט געשריבן חסידישע מעשות אין עברי־טייטש, לויטן נוסח פון „קהל חסידים". י. מ. ניימאַן איז אַרויסגעקומען מיט דער פאָלקסטימלעכער דראַמע „שבת־אויבסט". א. מ. פוקס האָט געשילדערט אַ לעבנס־שטייגער, וואָס האָט זיך ניט געענדערט זינט הונדערטער יאָרן. יואל מאַסטבוים האָט דערציילט פאַנטאַסטישע מעשות וועגן היטעס, ציגיינער, שלאַנגען, פידלען... ז. סעגאַלאָוויטש האָט געשריבן סענטימענטאַלע ראָמאַנען וועגן ווילדע צילקעס, קאַפּריזנע פרויען און געקלאָגט אויף זיין אייביקער איינזאַמקייט. אפרים קאַגאַנאָווסקי איז געבליבן ביי זיינע גנבים און פורמאַנעס פון סטאַווקי־געסל און נאָך אַלץ זיך איבערגענומען מיט די ליבע־טראַגעדיעס פון בלאַסע נייטאָרינס. וועגן אונטערוועלט־מענטשן האָט אויך געשריבן פּ. בימקאָ.



ישראל שטערן

כאָטש י. י. טרונק האָט אין זיינע מאָנאָגראַפיעס און בראָשורן נישט אויפגעהערט צו דערמאָנען, אַז די יידיש־וועלטלעכע קולטור איז אונדזער רענעסאַנס און אַז דער יידישער אַרבעטער איז דער יעניקער, וואָס טראָגט אויס אויף זיינע פּלייצעס אָט די באַנייאונג, — האָט ער אין זיין בעלעטריסטיק „געקוקט אויף צוריק" און געשילדערט אַלטע גריכן, רוימער, אָדער אַזעלכע נישט־פּראָלעטאַרישע העלדן, ווי יעזוס און בודאַ. יהושע פּערלע האָט זיך צופיל אָפּגעגעבן מיט דעם „פאַרפוילטן קליינבירגערטום" און שמעון האָראָנטשיק האָט מערסטנס גענומען פאַר זיינע העלדן קליינשטעטלדיקע קרעמער און זעקל־יידן, אַלץ מענטשן, וואָס זיינען לויט דעם מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט געווען — מיסט פון דער רעוואָלוציע.

נישט אַ סך אַקטועלער איז געווען די פּאָעזיע. אמת, אַ צאָל יונגע דיכטער האָבן געשריבן אויף „סאָציאַלער באַשטעלונג". אַ צאָל פון זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם בונדישן ליטעראַרישן זשורנאַל „וואָכנשריפט" און שפּעטער ביים „פאָראויס", אַנדערע אַרום די לינקע פּועלי־ציוניסטישע און קאָמוניסטישע אויסגאַבן. אַ צייט האָבן די דיכטערינס קאַדיע מאָלאָדאָווסקי און רחל ה. קאָרן שאַרף זיך אַוועקגעשטעלט אויף יענעם צד. מיר ווילן דערמאָנען די פּאָעטן: ב. אַליצקי, י. פּאַפּיערניקאָוו, י. ל. קאַהאַן, קלמן ליס, י. רובינשטיין, ש. וואָלמאַן, ישראל אַשענדאָרף, בער שנאַפּער, בונעם העלער, ב. שודריך. אָבער אין אַלגעמיין איז אויך די פּאָעזיע נישט געגאַנגען אין שפּאַן. אהרן ציטלין, דער באַדייטנדיקסטער יידישער פּאָעט אין פוילן, האָט געזונגען וועגן עולם האצילות, די עשר ספירות, יוסף דילה רינה. אַ רעליגיעזער דיכטער איז אויך געווען ישראל שטערן. איציק מאַנגער, וואָס איז געקומען קיין פוילן פון רומעניע, איז אין זיין שרייבן געווען אַ ראָמאַנטיקער. ישראל ראַבאָן האָט מיט טאַלאַנט געשפּילט דעם לץ און הפקר־יונג. מרים אולינאָווער האָט געשריבן פּאָעזיע, וואָס האָט געשמעקט מיט קרבן־מנחה סידור. די פּאָעטן האָבן מער ווי די פּראָזאַיקער געזוכט נייע פאָרמען, אָבער אויך זי, די פּאָעזיע, איז אין איר טאָן, אין איר דיקציע, אין איר גאַנצן אינהאַלט געבליבן שטעקן אין יענע ווערטן און בילדער, וואָס ס'האָט געשאַפן דער גלות. אפילו די יעניקע, וואָס האָבן געשריען און געיאָמערט וועגן רעוואָלוציע, האָבן דערביי באַנוצט, קאָן מען זאָגן, אַ ניגון פון מענה־לשון. איניקע פון זיי האָבן געשוואוירן ביי זייערע פּאָעטישע בערד־און־פּאות, אַז זייערע טאַטעס זיינען געווען שמידן און אַז זייערע באָבעס האָבן געפּאַשעט קי. אָבער זיי האָבן קיינעם נישט איבערצייגט. די יידישע ליטעראַטור איז טאַקע לויט דער טעאָריע געווען אַ וועלטלעכע, אָבער זי האָט אפילו נישט אָפּגעשפּיגלט די אָרעמע וועלטלעכקייט פון דער יידישער גאַס. עס איז כמעט נישטאָ אין דער יידישער פּראָזע אין פוילן דער יידישער דאָקטאָר און אַדוואָקאַט, דער לערער און פּאַרטיי־טוער, דער גימנאַזיסט און סטודענט. ס'זיינען נישטאָ קיין ווערק, וואָס דערציילן אייך די אַוואַנטורעס און אויסטערלישע גלגולים פון יידישן קאָמוניסט; איר זעט נישט דעם חלוץ, דעם רעוויזיאָניסט, דעם אַסימילאַטאָר, דעם בונדיסט, דעם יידישן לעגיאָנער און אָנהענגער פון פּילסודסקין, די גאַליציאַנער דאָקטוירים, די דאַמען־העלדן פון די קורערטער, די עלעגאַנטע יידישע מיידלעך, וואָס האָבן אָנגעפילט די פּוילישע טעאַטערן, קאַפע־הייזער, קאַבאַרעטן, און וואָס האָבן ביז דער לעצטער מינוט נישט געוואוסט, אַז זיי גייען אונטער צוזאַמען מיט זייערע פרומע באָבעס. עפּעס האָט פּאַסירט מיט דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן — און ניט בלויז אין פוילן — וואָס איז געווען אין קעגנזאַץ צו יעדער ליטעראַטור־געשיכטע און ליטעראַטור־פילאָסאָפיע.



שלמה גילבערט

3.

ווי שוואַרץ מיר האָבן דאָ געשילדערט די לאַגע פון יידישן שריפטשטעלער אין פוילן, איז דאָך געווען פאַר אים אין ליכטיקער פונקט: דאָס יידישע לעבן איז טאַקע געגאַנגען עקאָנאָמיש און פּאָליטיש באַרג־אַראָפּ, אָבער עס האָט אין זיין גרענעץ עקזיסטירט. ביז צו דער לעצטער מינוט, ווען אַלץ איז אָפּגעווישט געוואָרן, אַז געווען אין פוילן אַן אָריגינעל יידיש לעבן, פול מיט סטיל, מיט פאָרם: דאָס אַלטע פרומע יידישע לעבן. עס איז אויך געווען אַ יידישע שפּראַך, וואָס האָט געהאט אַ באַגרענעצטן, אָבער אַ פרוכטבאַרן באָדן. דער יידישער שרייבער אין פוילן האָט נישט געדאַרפט, ווי ס'איז דער פאַל אין אַמעריקע, אַלץ שעפּן פון זכרון. ער האָט געקאָנט, אויב ער האָט געוואָלט, אַרויסגיין אין גאַס און זען דאָס יידישע לעבן און הערן ווי עס רעדט.

אַ ליטעראַטור קאָן נישט וואַקסן אויף אַ לעבנס־שטייגער, וואָס איז משוגע געוואָרן און וואו אַלע יוצרות זיינען צעדרייט געוואָרן. עס קאָן נישט זיין קיין ליטעראַטור דאָרטן, וואו פאָרמען זיינען נישט באַשטימט. עמנואל קאַנט זאָגט ערגעץ, אַז עס מוז זיין אָרדענונג אין דער נאַטור גופא, כדי דאָס דענקען זאָל מעגלעך זיין. ווען עס וואָלט נישט געווען קיין סיסטעם אין די דערפאַרונגען, וואָלט אויך נישט געקאָנט זיין קיין סיסטעם אין דענקען. מ'קען דאָס פונקט אַזוי אָנווענדן בנוגע ליטעראַטור. עס מוז זיין אַרום דער ליטעראַטור פאָרם, כדי זי, די ליטעראַטור, זאָל האָבן פאָרם. דער גייסט מוז זיין פּלאַסטיש, אַז דער קינסטלער זאָל אים קאָנען געשטאַלטיקן. אָט דער באַדינג איז אין פוילן געווען.

יעדעס שטעטל אין פוילן, יעדעס יידיש געסל האָט געהאַט אייגנאַרטיקייט. יידן פון לובלינער געגנט האָבן אַנדערש גערעדט און אפילו, דוכט זיך, אַנדערש אויסגעזען, ווי יידן פון קאַליש אָדער שעדלעץ. די יידישע שטעטלעך ביי דער ווייסל זיינען געווען גאָר אַנדערש ווי די שטעטלעך אין וואָלין. אין וואָנגוועליץ, ביי לובלין, האָט מען געלייענט די מגילה שושן־פּורים, ווייל ס'איז געווען אַ מסורה, אַז דאָס אָרט איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ מויער אין די צייטן פון יהושע בן נון... אין טישעוויץ האָט געלעבט און ס'איז אומגעקומען משיח בן יוסף... אין לובלין איז געשטאַנען דעם מהרש"לס שול און אין ווילנע האָט מען אַריינגעבעטן אויף אַ מנין אין גאונס קלויז; אין קראָקע האָט מען אייך געוויזן אויפן בית־עולם דעם רמ"אס קבר און אין לודמיר איז נאָך געשטאַנען דאָס גריך־שטיבל, וואו די לודמירער מויד האָט געדאַוונט אין אַ טלית... מ'האָט אין פוילן געקאָנט דערקאָנען אַ ייד לויט די מלבושים אויב ער איז אַ חסיד, אָדער אַ מתנגד, אַ למדן אָדער אַן עם־הארץ. עס זיינען ביז דער לעצטער מינוט נאָך געווען באַלעבאַטים מיט פעלענע טלית־זעק און הויכע היטלען און באַלעבאָסטעס מיט פעלענע שייטלען און טערקישע שאַלן. אַ געניט אויג האָט דערקאָנט צו וואָס פאַר אַ רבין אַ ייד פאָרט. די גערער חסידים זיינען געווען „שקצים" און די קאָזשעניצער האָבן אין חסידישן פאָלקלאָר פיגורירט ווי שלימזלען, קריכערס, ווײנערס; די ראַדזינער האָבן נאָך אַלץ געפירט מחלוקת אַרום די בלויע ציצית און די קאָצקער האָבן אָפּגעכאַפּט דאָס דאַוונען און געמאַכט וויצן. יידן, וואָס דאַוונען בהשכמה און אין נוסח אַשכנז, זיינען געווען אַ גאַנץ אַנדער סאָרט פון די יעניקע, וואָס קומען דאַוונען שפּעט און אין נוסח ספרד. מ'האָט געקאָנט דערקאָנען אין דער אויסשפּראַך אַ וואָלאָצלאַווקער און אַ קאָוולער, אַ וואַרשעווער און אַ לעמבערגער, אַ קראַקאָווער און אַ קאַלאָמייער. אין וואַרשע אַליין האָט מען געקאָנט אונטערשיידן צווישן די יידן, וואָס וואוינען אין „די־גאַסן" — אויפן גזשיבאָוו, אויף דער טוואַרדע, שליסקע, פּאַנסקע, גנוינע — און צווישן די פון „יענע־גאַסן": נאַלעווקיס, פראַנציסקאַנער, מילע, קופּיעצקע.

די פּאָטענציעלע העלדן פון דער יידישער ליטעראַטור זיינען אַרומגעגאַנגען אין גאַס און פּשוט זיך געבעטן מ'זאָל זיי באַשרייבן.

די יידן אין פוילן זיינען געווען אָרעם אין אַלץ, אויסער אין אינדיווידואַליטעט. וואָס שייך דער יידישער שפּראַך, איז איר אָנווענדבאַרקייט געווען, ווי געזאָגט, אַ באַגרענעצטע, אָבער אין איר ענגן קרייז האָט זי זיך אַנטוויקלט. די יידישע פּרעסע האָט אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר געשאַפן נייע ווערטער און זיי זיינען אַריין אין דער שפּראַך. שרייבער, וואָס זיינען געווען אינטערעסירט אין אויפלעבן אַלט־יידיש, האָבן נישט געמוזט דווקא נישטערן אין ביכער. עס האָבן נאָך געלעבט אין די קליינע שטעטלעך די אַלטע גבאיטעס, וואָס האָבן גערעדט צאינה־וראינה־לשון. עס איז געווען אַ כלי־זמר־לשון, אַ גנבים־שפּראַך, ס'האָט געשווימלט און געגריבלט מיט אידיאָמען, וואָס זיינען קיינמאָל נישט אויסגענוצט געוואָרן אין דער ליטעראַטור. דער יידישער שרייבער אין פוילן האָט געשעפּט פון דער ערשטער האַנט. מ'פילט דאָס אין דעם אופן ווי ער גיט איבער דיאַלאָג, אין זיינע שילדערונגען, אין דעם שרייבערס לשון. הינטער דער ליטעראַטור איז געווען די קאָנטראָל פון אַ לעבן, פון אַ נוסח. עס זיינען געווען די גרענעצן און פאָרמען, וואָס אָן זיי קאָן קיין ליטעראַטור נישט עקזיסטירן.



יחיאל לעהרער

---

דער ליטעראַטן־פאַראיין אין וואַרשע, וואָס איז געווען די בערזע פון דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן, איז שטענדיק פול געווען מיט יונגע טאַלאַנטן, וואָס זיינען געקומען פון אַלע עקן לאַנד. אַ באָדן איז געווען און יידישע שרייבער זיינען געוואַקסן, כאָטש אָן אַ צוקונפט. די אָנפאַנגער האָבן געבראַכט פון די שטעטלעך צעשויבערטע טשופּרינעס, אַ כעס אויף וואַרשע און אַ ווילן צו מאַכן רעוואָלוציעס אין דער ליטעראַטור. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען אין ליטעראַטן־פאַראיין אין קליינשטעטלדיקע פעלצלעך און אין שטיוול. אין די זשורנאַלעכלעך, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן, ווי „שפּראָצונגען" און אַנדערע, האָבן זיי גענוצט אַ שווערע עברי, אָנגעדיכטעוועט מיט פּראָווינציאַליזמען. צווישן די „באַרבאַרן", וואָס האָבן אין די לעצטע יאָרן געמאַכט אַן אינוואַזיע אויף טלאָמאַצקע 13, זיינען געווען אַזעלכע אמתע טאַלאַנטן ווי: יחיאל לערער, דער מחבר פון דער עפּאָפּייע פון יידישן שטעטל „מיין היים", לייב ראשקין, דער פאַרפאַסער פון דעם ראָמאַן „די מענטשן פון גאָדלבאָזשיץ"; ש. בערלינסקי, משה שימעל, חיים גראַדע, רייזל זשיכלינסקי, א. סוצקעווער, ישראל עמיאָט, לייזער וואָלף, חיים סעמיאַטיצקי און אַ ריי אַנדערע.

עס זיינען געקומען אַלערליי בחורים: אַזעלכע, וואָס האָבן געטראָגן מיט זיך די געזאַמלטע ווערק אין די קעשענעס און האָבן זיך גלייך אָוועקגעשטעלט לייענען, און יונגעלייט, וואָס האָבן יאָרן לאַנג געשריבן אַ „גרעסערע אַרבעט" און זיי האָבן

געמאַכט אַרום דעם אַ גאַנצע מיסטעריע. ס'איז געקומען אַ ייד מיט אַ באָרד און פאות, וואָס האָט איבערגעלאָזט ווייב און קינדער אין דער היים און באַשלאָסן צו ווערן אַ ליטעראַט, און איינער, וואָס האָט גלייך דעם ערשטן טאָג גענומען מאַכן סקאַנדאַלן, אַז מ'לאָזט נישט צו די יינגסטע. (ער איז אַלט געווען 46 יאָר.) ס'זיינען געקומען קאָמוניסטן, וואָס האָבן געדראָט, אַז נאָך דער רעוואָלוציע וועלן זיי אַלעמען דערשיסן, און מיידלעך, וואָס כאָטש זיי האָבן זיך באַרימט, אַז זיי קאָנען נישט קיין „זשאַרגאָן“, האָבן זיי זיך געמישט צו דער ליטעראַטור און געהאַט טענות צו די קריטיקער. איינער אַ יונגערמאַן איז געזעסן אַ גאַנצן טאָג צווישן אויוון און געלייענט און געשריבן. געלייענט האָט ער אַלץ, וואָס ער האָט באַקומען: ביכער וועגן מעדיצין, אַסטראָנאָמיע, אַן אַלטן באַריכט פון אַן אַקציע־געזעלשאַפט, אַ רעפּאָרט וועגן אַ סטרייק פון באַן־באַאַמטע מיט פופצן יאָר צוריק... אַן אַנדער יונגערמאַן האָט דערקלערט נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר אַז ער האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין דער וועלט־ליטעראַטור. ער האָט גלייך באַקומען אין ליטעראַטן־פאַראיין הייסע חסידים. די „רעוואָלוציע“ איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט געבויט זיינע דערציילונגען (אָדער וואָס זיי זיינען געווען) ווערטיקאַל. צב"ש, אויפן באַרג איז געשטאַנען אַ טורעם, אויפן טורעם איז געשטאַנען אַ שלאָס, אויפן שלאָס איז געשטאַנען אַ קוימען, אויפן קוימען אַ כישוף־מאַכערין, די כישוף־מאַכערין האָט געהאַלטן אַ טענענבוים און אַזוי — ביז צום הימל... ס'האָבן נישט געפעלט קיין טענות און קיין קשיות. דער ווערטיקאַלער פּאָעט האָט געקעמפט פאַר זיין ליטעראַרישער רעוואָלוציע ווי אַ לעמפּערט און די חסידים זיינע האָבן געשריען, אַז ער שאָקלט אויס האָמערן פון אַרבל...

אַן אינטעגראַלער טייל פון ליטעראַטן־פאַראיין איז געווען דער דיכטער הערשעלע. צו פופציק יאָר האָט ער אויסגעזען ווי פון פינף און צוואַנציק און זיין מענטאַליטעט איז געווען פון איינעם, וואָס איז געבליבן שטעקן אין חדר, מיט אַלע זיינע חנען און יינגלישקייטן. דער דאָזיקער הערשעלע האָט פונדעסטוועגן געשריבן שיינע פאָלקסלידער. זיין לעצט בוך האָט געהייסן „שבת אויפן טראַקט“. הערשעלע איז אַ חתן געוואָרן אין ליטעראַטן־פאַראיין, חתונה געהאַט אין ליטעראַטן־פאַראיין, און ווען ער האָט זיך צעקריגט מיט דער שוויגער, איז ער געקומען נעכטיקן אין ליטעראַטן־פאַראיין. ער האָט דערביי געהאַט טענות צו די שרייבער, פאַרוואָס זיי האָבן אים פאַרשלייערט... דער דאָזיקער הערשעלע מיט זיינע נאַרישקייטן און חכמהלעך, מיט זיין אומוויסן און מיט זיינע פּאָעטישע פעאיקייטן, איז געווען אַ שטיק פאָלק, און אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען פאָלקלאָר... הערשעלע האָט אַלעמאָל געטראָגן מיט זיך אַ ביכל, אַזוינס ווי עס נוצן קרעמער צו פאַרשרייבן חובות. אין אָט דעם ביכל האָט הערשעלע מיט אַ מיקראָסקאָפּיש קליינער שריפט אַריינגעשריבן זיינע לידער. ער האָט געהאַט ממש טויזנטער לידער אין דעם ביכל.

ס'איז געקומען אין ליטעראַטן־פאַראיין אַ פאָלקאָווניק אַ ראַבינער, וואָס די ציצית האָבן אים אָפּגעקוקט פון הינטערן מונדיר, און אַ יונגערמאַן, וואָס האָט אַליין געשריבן אַן ענציקלאָפּעדיע און געהאַט שטיין אויפן בוידעם גאַנצע זעק מיט מאַנוסקריפּטן; אַן אָרעמע יידענע, וואָס האָט געשריבן ראַפינירטע פאָרנאָגראַפישע לידער, און אַ ייד, וואָס האָט יעדן ערב יום־טוב אָפּגעדרוקט אַן אַנאָנס אין צייטונג, אַז ס'איז צו אים אַנטפּלעקט געוואָרן דער קץ. ס'זיינען געקומען העברעאישע לערער, וואָס האָבן געפירט שעהן־לאַנג וויכוחים וועגן דיקדוק, און אַ בונדיסט, וואָס האָט געזאָלט אַמאָל האָבן אָפּגערוימט אַ פּראָוואָקאַטאָר און קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו פירן קאָנספּיראַציע; אַ ייד, וואָס האָט זיך געבאָדן ווינטער, געגעסן בלויז גרינסן און געהאַלטן פון יעזוסן, און אַ ביבליאָגראַף, וואָס האָט געקאָנט אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט־ליטעראַטור, אָבער נישט געגלייבט—און נישט געוואָלט גלייבן—אַז ס'איז דאָ אַ יידישע ליטעראַטור.

אַ מענטש, וואָס איז ממש געווען אַ מיליאָנער אין אינדיווידואַליטעט, איז געווען דער שריפטשטעלער ש. ל. קאַוועע, וואָס האָט אויך געהייסן מ. וואַנווילד און יוסף דיקשטיין. מ'קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן דעם ליטעראַטן־פאַראיין אָן קאַוועען. קאַוועע איז געווען אַן אויטאָדידאַקט, אָבער ער האָט אַ סך געקאָנט, אַ סך געלייענט און געהאַט אַ שאַרפן קאָפּ. אַלץ אין דעם מענטשן איז געווען היפּער־אָריגינעל, איפּכא־מסתבראדיק, קאַפּריז. ווען קאַוועע האָט פאַרשפּילט אַ שאַך, האָט ער געזאָגט, אַז דער געווינער איז אַ פּושער. ווען קאַוועע האָט געמאַכט אַ גרייז, איז שולדיק געווען די ענציקלאָפּעדיע. ווען קאַוועע האָט זיך איינגעעקשנט, האָט אים גאָט אַליין נישט געקאָנט רירן פון אָרט. ער האָט געקאָנט על פּי טעאָריע באַווייזן, אַז וואַרשע איז אויפן נאָרדפּאָל און אַז ד"ר הערצל האָט געגרינדעט דעם „בונד“... עס איז געווען אין קאַוועען אַן איבערבלייבעניש פון די אַמאָליקע פּשטל־מייסטער, וואָס האָבן געקאָנט פון אַ שיטה מקובצת אויף בבא מציעא אַרויסדרינגען, אַז אין כעלם מעג מען עסן חמץ אום פּסח. ווען עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין וואַרשע דער זשורנאַל „גלאָבוס“, האָט די רעדאַקציע באַשטעלט ביי קאַוועען אַן אַרטיקל וועגן ליטעראַטור. די רעדאַקטאָרן האָבן געוואוסט, אַז קאַוועע האָט געדאַנקען, מיינונגען, און קאָן אָנשרייבן אַ גוטע עסיי. אַרויסגעקומען איז אַן עסיי וועגן . . . פערד. ס'איז געשען אַזוי: אָנהייבנדיק צו שרייבן וועגן ליטעראַטור, האָט קאַוועע ביי דער געלעגנהייט באַנוצט דאָס וואָרט „פּולבלוטיק“. באַלד איז אים דער אויסדרוק עפּעס געוואָרן קשה. וואָס מיינט מען דאָס „פּולבלוטיק“? ער האָט נאָכגעקוקט אין אַן ענציקלאָפּעדיע און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז „פּולבלוטיק“ איז אַן אויסדרוק, וואָס ווערט אָנגעווענדט אין באַצוג צו פערד, ווען זיי זיינען פון אַ ריינער ראַסע. קאַוועע איז געווען אַזוי באַגייסטערט פון זיין אַנטדעקונג, אַז ס'איז כמעט אַרויסגעקומען אַ מאמר וועגן פערד. ער איז דערנאָך געווען זייער פאַרוואונדערט, ווען די רעדאַקציע האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס אַרטיקל צו דרוקן...

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ לעבעדיקער ליטעראַטור, אַז אירע שריפטשטעלער שטעלן אָפט מיט זיך פאַר אינסטיטוציעס, אָדער אַמווייניקסטן — טיפּן. אַ שרייבער אַ גלאַטיק מענטשל איז נישט געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם ליטעראַרישן וואַרשע. אַן אינסטיטוציע פאַר זיך איז געווען הלל צייטלין. אין ליטעראַטן־פאַראיין איז ער זעלטן געקומען, אָבער זיין שטוב איז געווען אַ ליטעראַטן־פאַראיין פאַר זיך. ערשטנס האָט ער געהאַט צוויי זין שרייבער, אהרן און אלחנן. אויסער דעם איז זיין הויז אַלעמאָל פול געווען מיט שרייבער, אָנפאַנגער, און מיט סתם אויסטערלישע מענטשן און פאַרשוינען. יעדער יונגערמאַן, וואָס האָט גענומען אַ פען אין דער האַנט, האָט פריער אָדער שפּעטער אָפּגעשטאַט אַ וויזיט הלל צייטלינען. הלל צייטלין האָט געהאַט געדולד צו אַלעמען: צו מקובלים, וואָס האָבן געזוכט רמזים וועגן קץ און משיח און צו אַפּיקורסים, וואָס זיינען געקומען צו אים פירן אַ וויכוח וועגן מציאות הבורא; ער האָט געגעבן ברייוו יונגעלייט, וואָס האָבן געזוכט לעקציעס אויף דער פּראָווינץ, אָדער שטיצע אין דער קהילה, און געלאָזט, אַז אַ יונגער דיכטער זאָל אים איבערלייענען זיינע לידער און פּאָעמען. אַ צייט לאַנג איז געווען אַן

אפטער אריינגייער צו הלל צייטלינען דער שרייבער י. י. פויזנער, וואס זיין בוך „מלכות המשיח" איז אנערקענט געווארן דורך איניקע קריטיקער, ווי א רעליגיעז־פילאסאפיש ווערק פון א גרויסן פארנעם. פויזנער איז געווען א גוואלדיקער שווייגער. ער פלעגט קומען, אפזיצן עטלעכע שעה און נישט אויסריידן קיין איין ווארט, און הלל צייטלין האט ארויסגעוויזן פונקט אזויפיל אינטערעס צו פויזנערס שווייגן ווי צו די וויכוחים און רייד פון אנדערע...

וועגן וייסנבערגס מחלוקת מיט די ליטוואקעס האט מען א סך טינט פארגאסן. פאר וייסנבערגן האט דער ליטוואק געדינט ווי א סימבאל. א ליטוואק האט געהייסן פאר אים א מענטש אן איינגעבוירענעם טאלאנט, אבער וואס קאן זיך אלץ אויסלערנען. ס'האט גראד פאסירט אזוי, אז די מערסטע ראדיקאלע שרייבער זיינען געווען ליטוואקעס, אדער זיינען געקומען פון רוסלאנד. (פאר וייסנבערגן האט זיך ליטע אנגעהויבן באלד הינטער ווארשע...) זיין קאמף מיט די ליטוואקעס איז מיט דער צייט דערגאנגען אזוי ווייט, אז ער האט דערקלערט שלום אשן פאר א ליטוואק. זיין פארביטערונג פלעגט צומאל דערגיין צו אזא שטופע, אז ער האט געזאגט, אז די גאנצע וועלט באשטייט פון בלויז ליטוואקעס. וייסנבערג האט אין אנהייב געגרינדעט א ליטערארישע שולע און ווי יעדער מייסטער, האט ער שפעטער געהאט פון זיינע תלמידים גרויסע אנטוישונגען: זיי זיינען אוועק צו די ליטוואקעס, אדער... זיי זיינען אליין געווארן ליטוואקעס... מ'האט געדארפט קאנען וייסנבערגן און די סביבה, אין וועלכער ער איז אויפגעוואקסן, כדי אים צו פארשטיין. דורך וייסנבערגס מויל האבן ארויסגערעדט דורות עם־הארצים, וואס האבן ליב געהאט די תורה, נאר פיינט געהאט די לערנערס...

„פאליטיש פארדעכטיק" איז יארן לאנג געווען אין ווארשע אהרן צייטלין. לויט די טעאריעס פון ליטעראטן־פאראיין האט א שרייבער, אן אמתער טאלאנט, געדארפט קומען פון א קליין שטעטל, האבן געגעסן טעג, און שרייבן האט ער געדארפט שווער, מיט גרייזן, אן אינטערפונקציע. אז א קינסטלער דארף נישט לייענען קיין ביכער איז געווען אן אקסיאם. נו, האט אהרן צייטלין נישט געהאט קיין איינע פון די דערמאנטע מעלות. ער האט שטודירט אין א גימנאזיע און אין אוניווערסיטעט. ער האט געשריבן סיי יידיש, סיי העברעאיש. ער האט געלייענט געטען און שעקספירן אין אריגינאל. פאר די אלע חטאים האט מען אין ליטעראטן־פאראיין באשלאסן, אז ער איז אן אינטעלעקטואל. ס'האט לאנג געדויערט ביז טלאמאצקע 13 האט שלום געמאכט מיט דעם געדאנק, אז א מענטש קאן לייענען א בוך און דערביי עס נישט באגנבענען פון קאפ ביז די פיס. ס'איז געווען קעגן אלע כללים...

דער למד־וואווניק פון ליטעראטן־פאראיין איז געווען דער דיכטער ישראל שטערן. מ'האט געזאגט אויף אים, אז ער דאוונט יעדן טאג אין טלית ותפילין און טאנצט צווישן די אומאנער חסידים, אדער די „טויטע־חסידים". ער האט געלעבט אין דער ביטערסטער נויט און איז ארומגעגאנגען אפגעריסן און אפגעשליסן. ישראל שטערן איז געווען א למדן און א מקובל.

א נסתר איז אויך געווען שלמה גילבערט. ער איז געווען אן אקולטיסט און פלעגט ליגן וואך גאנצע נעכט און פרואוון „ארויס אין אסטראל". גערעדט האט ער מיט סימבאלן. גילבערט איז געווען א שווינדזוכטיקער און דאקטוירים האבן אים שוין לאנג מייאש געווען. ער האט געפירט א לעבן פון איינעם, וואס איז געבליבן שטעקן אין עולם־התוהו.

מלך ראוויטש איז געווען באריהמט מיט זיין ארדענונג. אלס סעקרעטאר פון ליטעראטן־פאראיין, האט ער אויך — אזוי האבן בייזע צינגער געזאגט — געפירט די בוכהאלטעריע פון דער יידישער ליטעראטור. ער האט רעגיסטרירט זשעניען, געוויינלעכע טאלאנטן און גראפאמאנען. יעדער גראפאמאן האט געהאט ביי ראוויטשן זיין נומער... אויף ווי ווייט די אלע מעשות זיינען אמת, ווייס ראוויטש אליין, וואס איז — ערנסט גערעדט — אן אריגינעלער מענטש און שרייבער.

דער רודף־שלום אין ליטעראטן־פאראיין איז געווען י. י. טרונק. זיין אויפגאבע איז געווען צו פאראייניקן סתירות. ער איז געווען א קאפיטאליסט און א בונדיסט. ער האט געהאלטן עולם ומלואו פון פראלעטאריאט און געשריבן וועגן אלטע גריכן און רוימער. ער האט געפריידיקט קאלעקטיוויזם און איז געווען אן אינדיווידואליסט. ער האט ליב געהאט די יידישע גאסן, אבער געוואוינט האט ער צווישן גוים. י. י. טרונק האט געגלייבט, אז אלע ווידערשפרוכן זיינען מיספארשטענדענישן, וואס דארפן ווי אמגיכסטן ליקווידירט ווערן. ער האט אין דעם צעריסענעם יידישן לעבן פון די נאלעווקעס געזוכט די הארמאניע, וועגן וועלכער ס'האבן גערעדט פלאטא און סענעקא.

כאטש איציק מאנגער איז געווען איך ליטעראטן־פאראיין פארהעלטניסמעסיק א נייער מענטש, איז ער אבער באלד אזוי אריינגעוואקסן אין דער סביבה, אז ס'איז אפט שווער געווען צו דערקאנען וואו ס'ענדיקט זיך מאנגער און ס'הייבט זיך אן דער ליטעראטן־פאראיין. דער שיכור און דער לאמטערן זיינען ביי מאנגערן נישט געווען קיין מליצה. עס איז זעלטן פאראן א דיכטער, ביי וועמען ס'איז געווען אזא הארמאניע צווישן שרייבן און לעבן, ווי ביי מאנגערן. ווען ער איז געווארן בגילופין האט ער ארויסגעשריען מיט ביטערקייט און הומאר אלע ווייטיקן און טענות, וואס זיינען געלעגן אין אונטערבאוואוסטזיין פון דער גאנצער פראפעסיע, וואס רופט זיך — יידישע ליטעראטור.

דער פרוכטבארסטער שרייבער אין ווארשע איז געווען ז. סעגאלאוויטש. ער האט יעדן יאר ארויסגעגעבן א בוך און אמאל — צוויי א יאר. ער האט געהאט א סך מזל צו די לייענער, אבער ווייניק גליק צו די קאלעגן. ער איז, דוכט זיך, געווען דער איינציקער יידישער שרייבער אין פוילן, וואס האט זיך פאררופן אויפן לעזער. ער האט קיינמאל נישט געקאנט מאכן קיין שלום מיטן געדאנק, אז די יידישע ליטעראטור איז א ליטעראטור פאר שרייבער, נישט פאר לייענער... סעגאלאוויטש איז געקומען אין ליטעראטן־פאראיין אינדערפרי, ווען מ'האט דעם קלוב געעפנט, און איז אפט אוועק דריי אזייגער ביינאכט. די אטמאספערע פון ליטעראטן־פאראיין איז, דוכט זיך, געווען די איינציקע לופט, וואס ער האט געקאנט עטעמען... דערביי פלעגט ער האלטן אין איין שרייען, אז די לופט ארום דער יידישער ליטעראטור איז פארפעסטעט... מ'קאן זיך קוים פארשטעלן, אז סעגאלאוויטש לעבט איצט אין דעם זוניקן און העברעאיסטישן תל־אביב.

עס זיינען געווען ליטערארישע גרופן אין אנדערע שטעט אויסער ווארשע. דאס ערשטע ארט האט פארנומען ווילנע. די דארטיקע שריפטשטעלער: דן קאפלאנאוויטש, פאלק הייל־פערן, גראדזענסקי, זלמן רייזען, ז. קלמנאוויטש, ד"ר מ. וויינרייך, מ. שאליט, שרה רייזען און אנדערע האבן געקוקט אויף דעם ליטערארישן ווארשע ווי אויף א מין סדום. אין ווילנע האט מען געזוכט תכלית. דארט האבן שרייבער געבויט שולן, געזאמלט מאטעריאלן פאר דעם ייווא, עפעס געטאן פאר דער

ייִדישער קולטור. די ווילנער האָבן נישט געקאָנט באַנעמען די וואַרשעווער אָפּגעלאָזנקייט, דעם וואַרשעווער פּאָטאָליזם, די וואַרשעווער ליצנות־טרייבערײַ. קומען קיין וואַרשע אין ליטעראַטן־פּאַראַייִך איז געווען פאַר אַ ווילנער אַן אָפּקומעניש.

צו די לאָדזשער שרייבער האָבן געהערט יצחק קאַצענעלנסאָן, ישראל ראַבאָן, משה בראָדערזאָן, חיים קרול, ח. ל. פוקס, י. מ. ניימאַן און נאָך עטלעכע. דאָס ליטעראַרישע לאָדזש איז געווען אונטערן איינפלוס פון דייטשלאַנד און פון אייראָפּע איבערהויפּט. די „אייראָפּעאישקייט" איז געקומען צו די לאָדזשער בירושה פון פרישמאַנען און זיי האָבן אויף איר נישט געוואָלט „פאַרציכטן"... פאַר די לאָדזשער איז וואַרשע געווען נישט מער ווי אַ גרויסע פּראָווינץ־שטאָט.

ס'איז געווען אַ רייע שרייבער, וואָס זיינען געבליבן וואוינען אין גאַליציע און פלעגן פון צייט צו צייט זיך אַריבערכאַפּן קיין וואַרשע. צו די גאַליציאַנער האָבן געהערט די דיכטער שמואל יעקב אימבער, בער האָראָוויץ, דוד קעניגסבערג. גאַליציע האָט אַרויסגעגעבן די צוויי היסטאָריקער און שרייבער פּראָפי מאיר באַלאַבאַן און ד"ר יצחק שיפּער. אויך דער טעאַטער־קריטיקער ד"ר מיכאל וויכערט איז געווען אַ גאַליציאַנער. די גאַליציאַנער דיכטער האָבן געהאַט בילדונג, אָבער געשריבן האָבן זיי פאָלקסטימלעך, און י. מ. וויסנבערג האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט אַנטשליסן, אויב אַ גאַליציאַנער איז אַ ליטוואַק, ווייל ער שטודירט אין די אוניווערסיטעטן, אָדער אַ פּוילישער, ווייל ער שרייבט מיט אַ היימישער עברי.

---

מיר האָבן דאָ נישט געוואָלט געבן קיין געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין פּוילן צווישן בײַדע וועלט־מלחמות. דערויף איז נויטיק אַ גרויסע אַרבעט, אין וועלכער עס זאָל אַנאַליזירט ווערן יעדער שרייבער באַזונדער. מיר האָבן אפילו דאָ נישט געהאַט די געלעגנהייט אָנצורופן די נעמען פון אַזעלכע באַקאַנטע ייִדישע שריפטשטעלער, ווי רחל פייגנבערג, אברהם זאַק, לייב אָליצקי, ד"ר י. ב. צפור, משה זילבורג, יוסף קירמאַן, ש. זאַראָמב, דער טונקעלער (יוסף טונקל) אַלכּסנדר פאַרבאָ, דוד קאַסעל, מ. ב. שטיין, די עסייאיסטן ד"ר מתתיהו מיזעס, ש. י. סטופּניצקי, ד"ר א. גליקסמאַן, נח פּריילוצקי, ק. גוטענבוים, נחמן מייזיל, לעאָ פינקעלשטיין א"אַ.

מיר האָבן דאָ בלויז אָנגעוואָרפן אייניקע שטריכן אַרום דער ייִדישער ליטעראַטור אין פּוילן און די באַדינגונגען, אין וועלכע זי האָט עקזיסטירט. פאַר דעם ייִדישן שרייבער, וואָס קומט פון פּוילן, איז צוזאַמען מיט דעם ייִדישן פּוילן חרוב געוואָרן די ערד, פון וועלכער ער האָט געצויגן זיין ליטעראַרישע חיונה. זיינע העלדן זיינען טויט. זייער לשון איז פאַרשטומט געוואָרן. עס בלייבט אים גאָרנישט מער ווי צו שעפּן פון זכרונות.

---

נ. ב. מינקאָוו

# אליהו הנביא

מעת־לעתן — קיין וואָרט, קיין פייער.
קומט ווען דער יום־הדין ?
מיר זיצן געלעמטע, מיר מתים,
און קוקן אין חשכות, אָן זין.

דער טייך אין דרויסן פאַרגליווערט.
דער וואַלד — אַ וויסטער רעיון.
ערגעץ־וואו גליט אַ טראָט,
א יש, א יש־מאין.

פלוצים — אַ פראַל די טיר.
אַ רגע — אַ בלענד דער גיהינם.
ער איז אריין אַ ווילדער,
און שטאַר געוואַרט אויף ועמען.

און אָט — אַ שליידער דעם זאַק,
און אויסגעפּלאַצט אין געוויין.
שפּעטער — האָרט ביי די ווענט,
שפּעטער — דעם קאָפּ אין די הענט.

שווער איז צו זען אים אין חושך.
שווערער בעת ער איז דאָ.
פאַרזונקען אין תהומיקן שווייגן,
אַ שווייגן וואָס איז גאָר ניטאָ.

און אפשר — צום ערשטן מאָל,
צום ערשטן מאָל — אנשלאָפן.
ערגעץ־וואו אָטעמט אַ רעיון.
די טיר איז גאָרניט אָפן.

ענדלעך — גענומען טאָגן.
פון וואַנען ? פון וואַנען ? פאַרוואָס ?
און לאַנג און לאַנג האָט גענומען.
און חצות איז געבליבן חצות.

מיר זיצן געלעמטע, מיר מתים.
ער איז שוין פון לאַנג דאָ ניטאָ.
אין דרויסן גייט־אויף אין ווייטן
א מת אין כעלות־השעה.

THE JEWISH QUARTERLY 29:4 (1981/82)

Chone Shmeruk (Jerusalem)

# Bashevis Singer — In search of his autobiography

*"I don't believe that the story of any human life can be written. It is beyond the power of literature."*
From *Lost in America*

IN ONE OF I.B. SINGER'S NOVELS, HIS hero tells us about his literary ambitions. He leaves his rabbinical family in the small *shtetl* at the age of eighteen and arrives in Warsaw. As soon as he arrives in the metropolis, his red *pe'oth* are cut off; he discards his gaberdine, and with an intense feeling of liberation from the yoke of religion and tradition he indulges in sexual fantasies. He himself reveals to us: "I fell in love with every woman . . ."[1] In this excited condition our young hero starts planning a novel, which he thinks will be "innovative". This is what he says in comparing the novel he is planning with the conventional novel:

> In all the novels that I have read, the hero was always in love with one woman. But isn't this just a conventional lie, an author's trick? Or am I by nature different from all other men? Hasn't the time come to write a novel about a hero who is in love with a lot of women — the 'sufferings of a Polygamous Werther?' (F-9.7.1971)

Our hero proposes to call his projected novel, *Der hayrat-shvindler* ("The Marriage-Trickster"), and he also decides that he in person must be the hero of this novel, though with one reservation: "Of course, in the book I'll have to be older, and to have already had a lot of affairs." (F-9.7.1971)

Singer's hero spends about two years in Warsaw. He does not write the novel, but he suffers many days of hunger, quite literally, and at the same time has "adventures" with five women simultaneously. Again he says of himself: "Perhaps I was trying in my own way to imitate the 'Marriage-Trickster' whom I had begun to describe . . ." (F-30.11.1971)

So it happens that instead of writing the novel he had planned, Singer's hero himself becomes a kind of "Polygamous Werther". What had started as a planned fiction becomes a biographical reality.

